בס"ד

# דברי תורה מרבינו
# ראש הישיבה מגוד שליט"א

## איבער געטייטשט אויף אידיש

בעניני השעה
אסרו חג - שמח"ת תשפ"ד

יו"ל פר' בראשית תשפ"ד



נתנדב לזכר נשמת
רבינו הפני מנחם זי"ע

**לתרומות נא לפנות למכון**
**כמו"כ ניתן לפנות אלינו לקבלת הגליונות מדי שבוע במייל**

**"גחלי אש"**
**לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש**
**מרבינו ראש הישיבה מגור שליט"א**
**בארה"ב - 7162294771 שלוחה 7 לאידיש**
**באר"י - 0772277277 שלוחה 7 לאידיש**
**אנגליה - 03303900476**

**"בם חייתני"**
**לשמיעת שיעורים ושיחות בלה"ק ואידיש**
**מרבותינו הק' זי"ע ומרבני הקהילה**
**בארה"ב - 7162294771 שלוחה 8**
**באר"י - 037680292**
**אנגליה - 03303900476 שלוחה 8**

**© כל הזכויות שמורות**
**יוצא לאור ע"י מכון "קול מנחם"**
**מכון להפצת שיעורים ודרשות לשמו ולזכרו**
**של רבינו ה"פני מנחם" זי"ע**
kolmenachem12@gmail.com

# "ולא נאמר עוד אלהינו למעשה ידינו"

**יום** טוב איז נישט געווען לייכט זיך צו פרייען אזוי וויא מען האט אונז באפוילען, און איך האב מיר דערמאנט אין א מעשה וואס האט פאסירט מיט הגאון רבי יצחק הוטנר זצ"ל אין סוכות תש"ג, אין יענער טעג איז שוין אנגעקומען קיין אמעריקא די ביטערע בשורות איוב פון דאס וואס געשעהט פאר די יודישע קינדער אין ווארשה - וואס רבי יצחק זצ"ל מיט זיין גאנצע פאמיליע האבען געשטאמט פון דארט, און דערצו האט א גוי איהם פארברענט זיין סוכה, איז ער צובראכען געווארען דערפון און האט אויסגעפלאצט מיט א געוויין, איז דארט אריבער גאגאנגען א חסידישע איד און ווען ער האט איהם געזעהן וויינען, האט ער איהם געוואלט אריין ברענגען אביסעל שמחה, און אזוי האט ער איהם געזאגט: רבי יצחק! עטץ דארפט גלייבען אז דער רבונו של עולם וואס האט באפוילען 'ושמחת בחגך', האט אויך געמיינט רבי יצחק הוטנר אין סוכות תש"ג. א גאנץ לעבען האט רבי יצחק מכיר טובה פאר יענער איד, מ'קען זאגען דרשות און דברי תורה און געדאנקען, אבער ווען עס קומט למעשה, ווען מען דארף הערען דעם ריכטיגען ווארט, האבען די ווערטער פון יענעם חסיד איהם ערוועקט מקיים צו זיין די מצוה פון 'ושמחת בחגך' [בשעת מעשה איז ער נאך געווען אין זיין יוגענד, נאך איידער וואס ער איז צוגעקומען צו דעם אלעס וואס ער איז צוקומען אין זיין גאנצען לעבען].

**דאס** דארפען אונז אויך געדענקען, יעדער איד אין יעדער צושטאנד וואס ס'זאל נאר זיין דארף זיך פרייען א רוחניות'דיגע שמחה [און אויך אין אסרו חג דארף מען זיך פרייען מיט'ן שמחת החג], עס איז טאקע א שווערע ארבעט, אבער מען דארף געדענקען און וויסען אז דער רבונו של עולם איז א אב רחמן טוב ומטיב, און עס איז נישא דא ביי איהם קיין שום ענדערונג אין קיין שום צושטאנד, מיר קטני הדעת, כאפען נישט און מיר פארשטייען נישט חשבונות שמים, אבער אויב ער ית"ש

האט באפוילען אז מען זאל זיך פרייען, דארפען מיר משתדל זיין דאס צו טוהן. ס'שטייט 'עצרת תהיה לכם', 'עצרת' מיינט אינערליך, א אינערליכען שמחה אינעם אייבערשטען וואס ער איז מיט אונז אלע מאהל און אין יעדער צושטאנד - '**ואני תמיד עמך אחזת ביד ימיני**' (תהלים עג, כב). און ווען מיר וועלען זוכה זיין זיך צו פרייען מיט'ן תורה - וואס דאס איז די שמחה וואס אידען האבען, וועלען מיר אויך זוכה זיין צו האבען שמחת הגוף.

**יעצט**, ווען מיר האלטען נאך יום טוב, און מען קומט צו צו די ימי החול, דארף מען טוהן דאס וואס דער אייבערשטער פאדערט פון אונז אין די טעג. צום ערשטענ'ס, דארפען מיר זיך פלאגען און מיטשען אויף צו האבען אהבת ישראל פאר יעדער איינער און איינער פון די אידישע קינדער, מיר דארפען דערוועקען אין אונזערע הערצער אן אמת'דיגע השתתפות און מיטלייד אינעם ווייטאג פון אחינו בני ישראל הנתונים בצרה ובשביה וביסורים און אין אלע שווערע צושטאנדען וואס די אידישע קינדער געפינען זיך, דאס זענען אונזערע ברודער. מיר דארפען זעהן צו האבען אהבת ישראל אין דעם ריכטיגען דרגה, עס זאל אונז באמת שטערען דאס וואס געשעהט מיט אחינו בני ישראל, עד כדי אז עס זאל אונז זיין שווער זיך צו פרייען, ווייל מדרך הטבע איז א מענטש קרוב אצל עצמו, און יעדער מעסט זיך צו ער געפינט זיך אין א מקום סכנה, און ער קרעכטץ נאר אויפ'ן צער פון די אידישע קינדער, אבער דעם סארט קרעכטץ איז נישט בגדר פון א אמת'דיגע השתתפות בצערן של ישראל. מיר טאר'ן נישט האבען אזיין סארט געפיהל, מיר זענען אלע איין פאלק, און מיר דארפען בעטען און מתפלל זיין אויף זיי, מיט א געפיהל און א ווייטאג פון הארץ ארויס, פארשטיין און שפירען דאס וואס גייט אריבער אויף זיי [און אויך דער וואס געפינט זיך אין א גרעסער'ן מדרגה וואס ער איז מיצר בצערן של ישראל און ער פארעכט זיינע וועגען, איז דאס נישט קיין סתירה זיך צו פרייען מיט'ן אייבערשטען - **נגילה ונשמחה בך**, ווייל אלוקיו קיים].

**חשבון** הנפש - עס איז שווער צו זאגען און מפרט זיין אויף וואס מ'דארף זיך שטעלען, יעדער איינער ווייסט נגעי

לבבו, ולב יודע מרת נפשו, און יעדער איינער און איינער דארף מפשפש און משמש זיין במעשיו, זיך אוועק שטעלען אקעגען דעם רוחניות'דיגע שפיגעל און זעהן וואס ער דארף פארבעסער'ן און פארעכטען.

**אבער** אויף א אלגעמיינעם אופן - פאר'ן כלל, טראצדעם אז עס איז שווער צו טייטלען אויף א געוויסע זאך - ווייל ווער ווייסט וואס זענען די חשבונות שמים, אבער זיכער געוויס אז עס איז דא א פעלער אין אמונה און בטחון אינעם רבונו של עולם, און אזוי וויא דער נביא זאגט (הושע יד, ד) **'ולא נאמר עוד אלהינו למעשה ידינו'**, און די פסוק מיינט נישט דווקא א צלם, נאר אויך א פוסטע אמונה אין די כח פון בשר ודם זענען בכלל די שטראף רייד פון דער נביא.

**יעצט** זעהט מען דאך קלאר און דייטליך אז **'אם ה' לא ישמר עיר שוא שקד שומר'** (תהלים קכז, א), און דער וואס שיצט און היט באמת איז נאר הבורא יתברך שמו, ריכטיג אז הרבה דרכים והרבה שלוחים למקום, אבער אסאך מאהל געדענקען מיר נישט ווער איז דער משלח און ווער איז דער וואס היט אויף אונז באמת.

**ביי** מלחמת עמלק זאגען חז"ל (רש"י בשלח יז, ח מתנחומא יתרו ג) 'משל לאדם שהרכיב בנו על כתפו ויצא לדרך, וכו', פגעו באדם אחד אמר לו אותו הבן ראית את אבא, אמר לו אביו אינך יודע היכן אני, השליכו מעליו ובא הכלב ונשכו', אונז זענען נאך ערגער און געפינען זיך אין אסאך א קנאפערע מדרגה - ווייל טייל מאהל געדענקען מיר נישט בכלל אז עס איז דא א 'אבא' דא אויף דער וועלט, און עס זעהט אונז אויז אז 'אבא' איז למעלה בשמים, און מיר זיכען נישט און מיר פרעגען נישט 'היכן אבא', און וועגען דען חלילה און רחמנא ליצלן איז מקוים ביי אונז 'בא הכלב ונשכו', כדי מיר זאלען זיך דערוועקן אז עס איז דא א 'אבא' וואב היט אויף אונז, איך בין דער וואס היט.

**אין** דעם דארפן מיר זייער מתחזק זיין, אריינעמען אין טיפען וויסענשאפט און געדענקען אז דער אייבערשטער היט און שיצט אויף אונז, אמונה אין רבונו של עולם און זיך שטארקען אין בורא יתברך שמו - צו לעבען מיט א געפיהל

און וויסענשאפט אז מיר לענען זיך אהן און פארלאזען זיך נאר אויף 'כתיפו של אבא' אין יעדער פלאץ און אין יעדער אומשטאנד. דאס איז וואס פאדערט זיך פונעם כלל אלץ א כלל.

**נאך** דארפען מיר זיך מתחזק זיין - אינעם ענין פון קדושה וטהרה, אכטונג צו געבען נישט צו זיין בבחינת 'ולא יראה בך ערות דבר - ושב מאחריך' (כי תצא כג, טו) [וואס דאס איז נוגע פאר יעדער איד באשר הוא, און נישט נאר פאר די יוצאי צבא, און זעה דאס וואס דער אמרי אמת זי"ע האט געזאגט דערויף ביים ערשטען כנסיה הגדולה אינעם יאהר תרפ"ג - ס'איז געדריקט געווארען אין ספר 'אוסף מכתבים' סי' כח, ועי' סוטה ג:]. מ'מיינט נישט אכטונג צו געבען אויף אנדערע, נאר יעדער איינער דארף זעהן צו טייטלען מיט'ן פינגער אויף זיך אליין און זיך באשולדיגען, זעהן זיך צו דערווייטערען און אכטונג געבען אויף די ענינים וואס פארטרייבען און זענען מסלק די שכינה, און זעהן צו מערען אין עניני קדושה, און מיט דעם וועט מען גורם זיין אז דער אייבערשטער וועט זיין צווישען אונז, און טראצדעם וואס מיר קענען נישט נעמען אחריות אויף אונזער ברידער'ס וואס זענען ווייט פון תורה און מצוות, פונדעסטוועגען איז דאס משפיע אויף א סגולה'דיגן אופן אויף כלל ישראל, ווייל כל ישראל ערבין זה לזה, און כלל ישראל נידון לפי רובו, און טראצדעם אז ס'איז בכלל נישט פשוט און לייכט, פונדעסטוועגען ליגט אויף יעדער איד צו טוהן דאס וואס ער קען נאר, זיך צו דערווייטערען פונעם שלעכט'ס און מערען קדושה, און דאס טוהט מערען השראת השכינה צווישען אידען.

**און** געוויס אוודאי אז מיר דארפען זיך מחזק זיין אין תורה און אין תפלה, דאס איז דאך וואס אידען האבען געטוהן אין יעדער עת צרה. און ס'שטייט אין די גמרא (ברכות ח.) 'אוהב ה' שערי ציון מכל משכנות יעקב' (תהלים פז, ב) - 'שערים המצוינים בהלכה', אין א ארט וואס מ'לערנט - דארט געפינט זיך דער אייבערשטער, און ווען דער אייבערשטער איז מיט אונז, ממילא ווערט מען פטור פון אלע צרות.

**דער** אייבערשטער זאל העלפען מיר זאלען הערען נאר גוטע בשורות, און מיר זאלען זוכה זיין צו זעהן גרויסע ישועות, און צו די גאולה השלימה במהרה בימינו אמן.